**גוט שבת אלע אידן.** אמאל זענען א גרויסע גרופע מענטשן געקומען צו באזוכן דעם גרויסן צדיק הרה"צ רבי ישראל אביחצירא זצוקלה"ה דער "באבא סאלי." דער עולם האט נישט אויסגעקוקט אזוי פרום, וועגן דעם איז אלעס א וואונדער געווען אין די אויגען פון דעם באבא סאלי'ס געטרייער שמש ר' אליהו אלפסי. חוץ דעם, האט דער עולם געמאכט א גרויסע רעש דורך שמועסן הויך. עס האט אויסגעקוקט אז זיי זענען געווען זייער נתרגש וועגן עפעס. ר' אליהו איז אריבערגעגאנגען צו איינער פון די מענער אין די גרופע און ער האט אים געפרעגט וואס טוט זיך. יענער איד האט געוויזן צו א געוויסער מיידל וואס איז געשטאנען לעבן דעם מחיצה און ער האט געזאגט אז ר' אליהו זאל איר פרעגן.

ר' אליהו איז טאקע גלייך אריבערגעגאנגען צום מיידל וואס איז געשטאנען מיט איר טאטען און ער האט געפרעגט דעם מיידל פארוואס דער עולם האט זיך געפירט אזוי. דאס מיידל האט געקוקט אויף ר' אליהו מיט אן איבערראשקייט אויף איר פנים. "צו דען געדענקט איר נישט מיך?!?" האט דאס מיידל געזאגט צו ר' אליהו דורך איר טאטע. ר' אליהו האט פרובירט צו געדענקען אבער ער האט איר נישט געקענט. עס זענען געקומען אזוי סאך אידן צום באבא סאלי זי"ע. דאס מיידל האט געלאכט און האט געפרעגט נאכאמאל. "פרוביר צו געדענקען..." אבער אפילו ער האט שטארק פרובירט זיך צו געדענקען האט ר' אליהו פשוט נישט געקענט.

סוף כל סוף האט דאס מיידל געזאגט דורך איר טאטע, "צו דען וואלט עס נישט געווען גרינגער פאר אייך צו געדענקען ווען איך וואלט אייך דערמאנט אז איך בין געווען אין א ווילעלטשעיר די לעצטע מאל וואס איך בין געווען דא? יעצט שטיי איך דא אין פראנט פון אייער אויגן, ב"ה אויף מיין צוויי געזונטע פיס!"

פלוצלינג האט ר' אליהו זיך דערמאנט וועגן דעם מיידל. דריי חדשים פריער האבן די עלטערן פון דער משפחה געברענגט דעם מיידל אין א ווילעלטשעיר צום באבא סאלי'ן. דאס מיידל האט שטארק געבעטן אז זי זאל ערלויבט ווערן אריינצוגיין צום רבי'ן. אבער דער באבא סאלי זי"ע האט נאר געפראוועט מענער און בחורים, וכו'. עס איז שוין דעמאלט געווען עטליכע יארן זייט דאס מיידל איז נעבאך פאראליזירט געווארן. זי איז געקומען דעמאלט פונעם באקאנטן שפיטאל "בית לעווינסאן" אין רעננה (לעבן תל-אביב). די בעסטע פראפעסארס האבן געארבעט אויף דעם מיידל, אבער זיי האבן גאר נישט געקענט טון. זיי האבן געזאגט צו איר אז עס איז נישט קיין האפענונג אז זי וועט האבן א רפואה שלימה.

ר' אליהו האט דעמאלט מסביר געווען צו דעם מיידל אינעם ווילעלטשעיר אז עס איז געווען אונמעגליך פאר איר אריינצוגיין צו רבי'ן. אבער, וויבאלד אז זי איז געווען אזא רחמנות, האט מען ערלויבט אז איר טאטע מעג דערנענטערן דעם מיידל אין ווילעלטשעיר לעבן דעם באבא סאלי'ס טיר כדי זי זאל קענען הערן דעם צדיק'ס הייליגע ווערטער.

נאך דעם וואס דער באבא סאלי האט אויסגעהערט ר' אליהו'ס דערציילן דעם טרויעריגע מעשה פונעם מיידל, האט דער רבי איר אנגעוואונטשן אז זי זאל האבן א "רפואה שלימה." ווען דאס מיידל האט עס געהערט, האט זי אנגעהויבן צו וויינען. זי האט געבעטן פון ר' אליהו צו בעטן דעם באבא סאלי צו צוזאגן אז זי וועט האבן א רפואה שלימה.

הערענדיג דאס מיידל'ס בקשה וואס איז געזאגט געווארן מיט א אזא צובראכענע הארץ, האט ר' אליהו נישט געקענט זיך אפזאגן דעם מיידל. ער איז צוריקגעגאנגען צום באבי סאלי מיט דאס מיידל'ס ווערטער. די מאל, האט דער באבא סאלי געגעבן צו ר' אליהו א פלעשל און ער האט ר' אליהו געהייסן צו געבען דעם פלעשל צו דעם טאטען פונעם מיידל. אז דאס מיידל זאל זיך ארומוואשן מיט דעם וואסער. "און אויב אזוי..." האט דער צדיק געזאגט, "גיב איך איר מיין ווארט אז זי וועט באלד האבן א רפואה שלימה!" האט דער באבא סאלי אויסגעפירט אין א הויכן קול.

דאס מיידל האט אלעס צוגעהערט און דאן האט זי געבעטן אז מען זאל איר אהיימטראגן. זי איז געזיצן אין דעם קאר האלטענדיג דעם וואסער און זי האט געוויינט פון התרגשות.

יעצט אבער, דריי חדשים שפעטער איז זי צוריקגעקומען צו זאגן צום באבא סאלי אז זי האט טאקע ב"ה זוכה געווען צו האבן א רפואה שלימה. זי איז אריינגעקומען צום באבא סאלי'ס הויז אויף איר אייגענע פיס, ב"ה, צו ווייזן אז זי קען אליינס גיין.

ר' אליהו האט אלעס צוגעהערט, אבער עס איז נאך נישט פארענטפערט געווארן זיין שאלה, ד"ה ווער זענען געווען די אלע מענטשן?

איינער וואס איז געשטאנען אויף דער מענער זייט פון דעם מחיצה האט געזאגט צו ר' אליהו, "מיר זענען א גרופע דאקטוירן פון בית לעווינסאן. מיר האבן געארבעט אויף דעם מיידל פאר פיר יארן! מיר האט געזאגט אז נישט נאר דעם אז איר פיס זענען געווען פאראליזירט, אבער עס וועט קומען א טאג ווען איר גאנצע לינקע זייט וועט אויך זיין פאראליזירט! מיר האבן געזען וואס איז געשען צום מיידל נאכדעם וואס דער באבא סאלי האט איר געבענטשט, און מיר האבן נישט געקענט זיך איינהאלטן. די גאנצע 'דעפארטמענט' אין דעם שפיטאל האט געמוזט קומען צו זען ווער דער גרויסער מענטש איז, און באקומען א ברכה פון אים אויך!"

עס ווערט דערמאנט אין די פרשה די וואך א צווי "לשמר מאד ולעשות ככל אשר יורו אתכם הכהנים הלוים..." דער תפקיד פונעם כהן איז געווען צו מטהר זיין מענטשן. צרעת איז נישט געווען קיין גשמיות'דיגע מחלה, נאר א רוחניות'דיגע מחלה. דער כהן איז נישט געווען קיין דאקטאר, ער איז געווען א הייליגע מענטש וואס האט געהיילט מענטשן מיט זיין רוח הקדוש. די ספרים הקדושים ברענגן אז היינט זענען צדיקים אזוי די כהנים אין פריערדיגע צייטן. ד"ה, א צדיק האט א כח צו מטהר זיין א מענטש. דעס ענין איז מרומז אין די אורים ותומים וואס דער כהן גדול האט געטראגן. רש"י איז מסביר אז די אורים ותומים האבן געארבעט דורך א שטיקל קלף.(רש"י, יומא עג:) דאס איז אפשר א רמז צו א קוויטעל וואס מען גיבט פארן צדיק. דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן אז מיר זאלן אלע האבן שייכות מיט צדיקים און דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו רפואות און ישועות מתוך נחת ושמחה. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת אירוסי נכדה בת לחתנו הרה"צ רבי יעקב יוסף האגער שליט"א בשעטומ"צ**

מזל טוב להרה"צ רבי צבי אלימלך האלבערשטאם שליט"א לרגל שמחת אירוסי בנו כמר דוד הי"ו בשעטומ"צ

מזל טוב לידידי חיים יעקב גראס לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו ישעי' הי"ו

נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)